# וכל מאמינים

## א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת תצווה תשפ"ד שנה י | גליון מס' 522

בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון
בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר יג' אלול תשס"ג



ת.ד 102 בני ברק | פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com


## פניני אמונים

### פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

## זעקס נעמען קעגן זעקס ווערטער

**"שִׁשָּׁה מִשְּׁמֹתָם עַל הָאֶבֶן הָאֶחָת וְאֶת שְׁמוֹת הַשִּׁשָּׁה הַנּוֹתָרִים עַל הָאֶבֶן הַשֵּׁנִית כְּתוֹלְדֹתָם"** (כח י)

**רבנו אפרים האט גע'דרשנ'ט:** חז"ל זאגן אונז אין (פסחים נו א) אז פאר די פטירה פון יעקב אבינו האט יעקב מורא געהאט טאמער וועט זיין א פסול אין זיינע קינדער, אבער ווען זיינע קינדער האבן אויסגערופן: "שְׁמַע יִשְׂרָאֵל ה' אֱלֹקֵינוּ ה' אֶחָד האט ער זיך בארואיגט און אויסגערופן קעגן זיי: "ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד".

ווען מען וועט אויסרעכענען וויפיל ווערטער איז דא אין 'שמע ישראל' און וויפיל ווערטער איז דא אין 'ברוך שם' וועט מען זען אז אין יעדער איינס פון זיי האט אין זיך זעקס ווערטער.

עס קען זיין אז וועגן דעם האט מען אפגעטיילט די שטיינער פון דער חושן אין צוויי באזונדערע גרופעס און ביי יעדער איינס איז דא זעקס, ווייל איין שטיין איז קעגן דער שמע ישראל און די צווייטע איז קעגן 'ברוך שם'.

דער **'אמרי אמת'** לייגט צו אז וועגן דעם האט דער פסוק געזאגט: "**ואת שמות הששה הנותרים**" ווייל די זעקס שטיינער זענען קעגן די זעקס ווערטער פון ברוך שם און ווייל דער ברוך שם זאגט מען בלחש און עס וועט נאר נתגלה ווערן לעתיד לבוא, איז עס באהאלטן.

'פירוש התורה לרבינו אפרים'; 'אמרי אמת תרצ"א

## די 'מאה ברכות' זענען מקיים די אמונה

**"וְנָשָׂא אַהֲרֹן אֶת שְׁמוֹת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל בְּחֹשֶׁן הַמִּשְׁפָּט עַל לִבּוֹ בְּבֹאוֹ אֶל הַקֹּדֶשׁ לְזִכָּרֹן לִפְנֵי ה' תָּמִיד"** (כח כט)

לכאורה איז שווער פארוואס דארף מען א זכרון לפני ה' דער רבוש"ע געדענקט דאך אלעס?

נאר האט דער משגיח **רבי יחזקאל לעווינשטיין** געגעבן צו פארשטיין:

אז די ציווי איז נישט כלפי מעלה נאר פאר אונז, אז מיר זאלן כסדר געדקענען אז דער בורא כל העולמים פירט די וועלט, מיט השגחה פרטית, ווייל אויך נאך דעם וואס איינער גלייבט אין איר, אויב וועט ער נישט טון פעולות אז עס זאל אריינגיין גוט אין זיינע ביינער, אז ער זאל עס מיטלעבן, וועט ער עס פארגעסן, ווייל דאס איז דער נאטור פון א מענטש, ער קומט זייער שנעל אן צו דער כוחי ועוצם ידי און וועגן דעם דארף מען עס כסדר חזר'ן און אריינברענגען אין זיך שטענדיג, ווייל נאר אזוי וועט מען עס געדענקען אייביג.

וועגן דעם האט מען מתקן געווען די מאה ברכות, ווייל דורך די מאה ברכות וועט מען אייביג געדענקען אז מיר זענען תלוי אין דער חסד ה', אז ער איז אונז מזין ומפרנס און איז אונז מחיה אייביג און געבט אונז אלע געברויכן.

'אור יחזקאל' ח"ה עמ' רפא

## פניני אמונים

### פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

## יעדער אמן איז א דיאמנט

אין די וואכענדיגע סדרה רעדט די תורה ארום איבער די בגדי הכהונה, די תורה זאגט אז עס איז געווען פיר בגדי כהונה פאר א כהן הדיוט און נאך פיר פאר א כהן גדול.

איינער פון די בגדי כהונה איז דער אפוד. דער הייליגער רבי ר' שמעלקא פון ניקלשבורג זי"ע זאגט אז אין דער אפוד קען מען טרעפן א רמז פאר די אמן, ווייל אפוד מיט א ויו איז די זעלבע גימטריא ווי אמן.

אן אפוד האט אויך געהאט א גארטעל, די גארטעל פון דעם אפוד האט געהייסן דער 'חשב האפוד' און דאס איז א רמז אז דער ענטפערן אמן פאדערט מחשבה, אז א איד זאל זיך מתבונן זיין אין דער אמן. ('דברי שמואל' בפרשתינו).

עס איז א טייערע געדאנק, אבער עס ווערט נאך טייערער ווען מען נעמט אין באטראכט ווער עס איז דער בעל המימרא. כידוע איז דער הייליגער רבי ר' שמעלקא געווען זייער נזהר אין ענטפערן אמן. קיינמאל האט ער נישט געמאכט קיין ברכה, אויב עס איז נישט געווען אין זיין געגנווארט וואס זאל קענען ענטפערן אמן נאך זיין ברכה. ('אהל יצחק' אות קעט בהערה).

עס קען זיין אז דאס איז א חלק פון דער 'חשב' אז איידער מען מאכט א ברכה זאל מען אריינלייגן מחשבה ווער עס גייט ענטפערן אמן אויף די ברכה.

איך האב אינזינען געהאט אז עס קען זיין אז חשב האפוד איז מרמז נישט נאר אויף די מחשבה, נאר אויך אויף די חשיבות וואס מען דארף מייחס זיין צו ענטפערן אמן. עס איז שוין מערערע מאל אויסגעקומען אראפצוברענגען די מאמר חז"ל (דב"ר ז א): "אין גדול לפני הקב"ה יותר מאמן שישראל עונים". ווען מען איז זיך מתבונן אין איר זעט מען די מורא'דיגקייט פון ענטפערן אמן. עס איז אזוי גרויסע מעלה אז אויך דער בעל שומר אמונים ברענגט זיי אראפ און שטרייכט עס אונטער (מאמר 'פתחו שערים' פרק ג)און פירט אויס אז מען זאל אינאכט נעמען די ווערטער פון דער מדרש, אז מען זאל נישט מיינען אז עס איז חלילה א גוזמא, ווייל עס איז נישט דא חשובער פאר הקב"ה ווי ענטפערן אמן.

מיר ווייסן איבער איר גרויסקייט אבער מיר ווייסן אויך אז דער וויסן אליין איז נישט גענוג. ביי דער מענטש איז דא א נאטור אז אסאך מאל וועט ער פארגעסן די ידיעה. אז עס זאל אריינגיין אין די ביינער דארף מען איינבאקן אין זיך איינמאל און נאכאמאל, נאר אז מען וועט עס אריינעמען אין זיך און זיך מתבונן זיין אין איר, וועט עס אריינגיין אין אונז.

פון נאך א בגד קען מען ארויסנעמען די חשיבות פון אמן און דאס איז פון דער 'חושן'. דער חושן האט געהאט 12 שטיינער, די זעקסטע שטיין פון די צוועלעף האט געהייסן 'יהלום' און יהלום באטרעפט כמנין אמן.

עס קומט אונז אויסלערנען אז אזוי ווי א דימאנט שטיין, אפילו עס איז פיצעל, דאך וועט מען איר אפוועגן מיט א ספעציעלער וואג און אפהיטן איז די זעלבע מיט די 'אמן'ס.

עס איז נאר א קליינער ווארט אבער איר טייערקייט איז אויסטערליש גרויס.

אז מען דערהערט אלע רמזים ביז אהער און מען פארשטייט עס וועלן מיר זיכער אריינלייגן גרויסע כוחות אין דער אמן און זיכער עס ריכטיג אפשאצן און ענטפערן אמן אזוי ווי עס דארף צו זיין און זען א ברכה אין אונזערע אלע מעשים.

**מיט א קריאה פון**
**"והשבות אל לבבך"**

**שבת שלום**

יעקב דוב מארמארשטיין

# — כי ברוב הימים תמצאנו... —

מיט געמישטע געפילן האט זיך ר' משה ארויסגעלאזט יענער נאכט צו די חתונה אין אלבאני, די הויפטשטאט פון ניו יארק.

די וועטער זאגער האבן פאראויסגעזאגט א שווערע שניי, אבער קעגן דעם האט געדארפט

דער צימער פון דעם דירעקטאר איז געווען פיין אנגעווארעמט, און די ערשטע זאך וואס ר' משה האט דארט געטון איז זיך געווען שטעלן דאווענען מעריב. ווען ער האט געענדיגט דאווענען קומט דער וועכטער צו אים און פרעגט אים צי ער איז א איד.


די שטאט אלאבאני אין ניו יארק

פארקומען די חתונה פון זיינער א באקאנטער. ר' משה האט געוואוסט אז אויב די נבואה פון די וועטער זאגער וועט מקויים ווערן וועט ער בלייבן געשטראנדעט אונטערוועגנס, אבער עס האט זיך געטרייסט אז די שטורעם וועט נישט אנקומען און אפילו אז עס וועט אנקומען וועט ער זיך קענען אן עצה געבן מיט איר, אבער אלע זיינע פלענער האבן זיך אויסגעלאזט מיט א גרויסע ביטערניש.

פארנדיג אהיים פון די חתונה איז ער געפארן די שנעלסטע וואס איז געווען מעגליך מיט'ן האפענונג צו עספיען צו כאפן די שניי איידער עס פאלט אראפ, אבער ער האט געשפעטיגט.

נאך האלטנדיג אינמיטן די וועג האט ער געזען ווי די קליינע ווייסע ציכטיגע שטיקער פאלן אראפ פון הימל און מאכן ווייס די שאסיי. ווי עס זעט אויס האט ער געשפעטיגט, ער האט פראבירט זיין לעצטער מזל אבער איינמאל די שאסייען האבן אנגעהויבן ווערן גליטשיג, האט ער אנגעהויבן איינזען אז עס וועט נישט גיין, אז ער וועט זיך מוז'ן דא אפשטעלן און טרעפן ערגעצוואו צו נעכטיגן די נאכט.

שטייטערהייט האט ער זיך גערוקט אויף די שאסייען. ווען ער איז אנגעקומען צו די ערשטע שטאט איז ער אריינגעפארן אין איר און זעענדיג א שילד אז דא איז דא א מאטעל האט ער אריינגעקלאפט אין איר, אבער מען האט אים קלארגעשטעלט אז אלעס איז פול, עס איז נישט איבערגעבליבן קיין איין ליידיגער צימער פאר אים.

א גאס ארפאציער איז געווען נאך א מאטעל אבער אויך ז' איז געווען פול. זעענדיג אז ער האט נישט וואו צוגיין און וויסנדיג אז דער בלייבן אין די קאר איז א סכנה, האט ער זיך פראבירט זיין מזל ווייטער, אבער ער האט גארנישט געטראפן.

מיטאמאל האט ער באמערקט א שילד אז דא איז דא א מושב זקנים. נישט האבנדיג קיין צוויי ברירה'ס האט ער אריינגעקלאפט אין איר און זיך איינגעבעטן אז מען זאל אים אריינלאזן דא כאטש אויף איבערנאכט.

וויסנדיג אז ער האט נישט קיין אנדערע ברירה האט ער זיך איינגעבעטן, דער שומר האט זיך דערבארעמט אויף אים און אים אריינגעלאזט.

"געב א קוק, קיין פלאץ פאר דיר האב איך נישט, אבער אויב דו ווילסט קענסטו נעכטיגן אין דער אפיס פון דער דירעקטער פון די געביידע.

דער שומר האט אים אנגעווארענט אז גלייך צופרי זאל ער פארלאזן דאס ארט, ווייל אויב דער דירעקטאר ווערט געוואויר וואס ער האט געטון, וועט ער פארשיקן פון זיין ארבעט.

דער צימער פון דעם דירעקטאר איז געווען פיין אנגעווארעמט, און די ערשטע זאך וואס ר' משה האט דארט געטון איז זיך געווען שטעלן דאווענען מעריב. ווען ער האט געענדיגט דאווענען קומט דער וועכטער צו אים און פרעגט אים צי ער איז א איד.

"יא, זיכער". האט ר' משה געענטפערט מיט א שטאלץ.

"אומגלויבליך, מען האט דיר אהערגעשיקט פון הימל".

דער שומר איז געווען אויסערזיך פון באגייסטערונג און אים דערציילט וואס עס האט דא פאסירט. עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז נעכטן נאכט איז געשטארבן אין דער מושב זקנים א איד, א קריגס איבערלעבער, וואס האט דא געוואוינט און איידער זיין טויט האט ער איבערגעלאזט א צוואה אז מען זאל אים באגראבן אין אן אידישער בית החיים.

"מיר האבן געזוכט אין די געגענט א אידישע בית החיים אבער מיר האבן נישט געקענט טרעפן. מיר האבן שוין נישט געוואוסט וואס צו טון מיט אים, אבער דאן ביסטו געקומען צוגיין".

דער וועכטער האט דערציילט אז מען האט אים שוין געוואלט איבערגעבן פאר די אויטאריטעטן אבער דאן ביסטו אונטערגעקומען.

"צי וועסטו קענען קעירנעמען פון די זאך?". האט דער איד געוואלט וויסן.

ר' משה איז געווארן באגייסטערט. אזא זעלטענע זאך, עס איז אים אונטערגעקומען די זכות פון מטפל זיין אין א מת מצוה, ער האט אים צוגעזאגט אז גלייך מארגן אינדערפרי וועט ער זען וואס ער קען טון דערוועגן.

צומארגענס, נאך דעם וואס די שניי האט נאכגעלאזט האט זיך ר' משה ארויסגעלאזט מיט די דאקומענטן פון דעם איד און אנגעהויבן אויפזוכן א לאקאלע בית החיים. נאך אסאך פארשן און נישטערן איז ער דערגאנגען וואו עס געפינט זיך די נענט'סטע אידישע בית החיים.

מיט די דאקומענטן אין זיין האנט האט ער עס געוויזן פאר דער גבאי פון די חברה קדישא אבער דא איז געקומען צוגיין די צווייטע טייל פון די איבערראשונג. עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז מיט עטליכע יאר צוריק האט דער איד איינגעצאלט פאר די ארטיגע בית החיים א גרויסע סומע געלט און אפגעקויפט א גרויסע חלקה אין דער בית החיים, אז מען זאל דא קענען באגראבן איינזאמע אידן, וואס האבן נישט געהאט קיין געלט, אדער נאנטע משפחה מיטגלידער, ווער עס זאל זיך אפגעבן מיט זיי.

"מיט די יארן איז רוב פון די חלקה געווארן פול, עס איז געבליבן איינצעלע מצבות און יעצט איז געקומען זיין רייע, אז ער זאל ווערן באגראבן דא".

דער גבאי פון די חברא קדישא האט אפילו ארויסגענומען פון זיין לעדל אן אלטער רעסיט און עס געוויזן פאר ר' משה.

מיט אלע דעטאלן אין די הענט האט זיך ר' משה צוריקגעקערט צו די מושב זקנים און אנגעהויבן זארגן אז מען זאל פאר דעם איד אראנדזשירן א שיינער און א מכובד'דיגער לויה און נאך יענעם טאג האט מען אים געברענגט לקבר ישראל.

יעצט האט שוין ר' משה פארשטאנען פארוואס אלעס האט זיך אזוי געפירט אז ער זאל בלייבן דא שטעקן ביינאכט, אז ער זאל קענען זיין דער שליח צוברענגען א איד צו קבר ישראל.

'סימנא טבא' חיי שרה

# דרך אמונים

## הלכות פון ענטפערן אמן

### — מפסיק זיין ביי דברים שבקדושה צו ענטפערן 'אמן' —

**נאכ'ן ענדיגן די ברכה פון "ברוך שאמר" ביז דער סוף פון פסוקי דזמרה מעג מען מפסיק זיין צו יעדע אמן.**[1]

1. די הלכה ווערט געברענגט אין 'שלחן ערוך' (נא ב) ; 'משנה ברורה' (שם ג). דער חידוש פון די הלכה איז אז אפילו אז די ברכה פון "ברוך שאמר" איז בעצם געזאגט געווארן אויף פסוקי דזמרה און עס איז ווי די פאר ברכה פאר פסוקי דזמרה און מהאי טעמא מעג מען טאקע נישט מפסיק זיין צווישן איר און צווישן דער אנהייב פון פסוקי דזמרה און אויך נישט מיט אנדערע זאכן, דאך מעג מען מפסיק זיין פאר אמן. די סיבה דערצו איז וויל מיט'ן אמן איז מען משבח הקב"ה אזוי ווי די איבריגע חלק פון פסוקי דזמרה ('פרי מגדים' א"א נא ג; 'משנה ברורה' שם ד). דער 'פרי מגדים' (שם) לייגט דארט צו אז נישט נאר אויף אן אמן וואס איז אויף א שבח מעג מען ענטפערן נאר אויף אויף אן אמן נאך א בקשה ווי א איד בעט אז זיינע צרכים זאלן ווערן אנגענומען מעג מען נאך ענטפערן וויל די בקשה פון "יהי רצון שיתקיימו דברי המברך" איז אויך גערעכנט פאר א שבח. ('פרי מגדים' שם).

# תענה אמונים

## פערל ווערטער אויף די מצוה פון תפילה

### אויך אברהם ווערט אנגערופן ישראל

**"זֶרַע יִשְׂרָאֵל עַבְדּוֹ בְּנֵי יַעֲקֹב בְּחִירָיו"**

ווען מען קוקט אריין אין דער פסוק זעט מען אז ער איז געדאפעלט. אזוי איז דער פסוק אין דברי הימים (א טז יג) אבער אין תהלים (קה ו) שטייט יא: "זרע **אברהם** עבדו". דער רוקח גיט צו פארשטיין אז אין דער געדאפעלטער לשון ליגט דא א דרערהער. עס קומט אונז לאזן הערן אז אויך אברהם אבינו ווערט אנגערופן "זרע ישראל" און ווי חז"ל זאגן אונז אין בראשית רבה ( סג ג). אבער מען דארף וויסן אז אפילו אז אויך די קינדער פון אברהם אבינו ווערן אנגערופן זרע ישראל מיינט עס אבער נישט אז אלע זיינע קינדער זענען זרע ישראל, וויל פון אברהם אבינו איז דאך אויך ארויסגעקומען ישמעאל און עשו און אויסצושליסן די פון די זרע ישראל שרייבט דער פסוק גלייך נאך דעם "בני יעקב בחיריו" אז נאר די קינדער פון יעקב זענען מזרע ישראל און נישט די אנדערע קינדער. (פירושי סדר התפילה לרוקח בסדור 'תורת חיים' ח"א עמ' קיג; רד"ק תהלים קה ו).

### מלכות ה' איז מחייב אז מיר זאלן היטן זיינע מצות

**"הוּא ה' אֱלֹקֵינוּ בְּכָל הָאָרֶץ מִשְׁפָּטָיו"**

ווען הקב"ה האט געגעבן די תורה פאר כלל ישראל אויף בארג סיני איז די ערשטע ציווי געווען (שמות ב כ): "אנכי ה' אלקיך".

## — הודו —

נאר נאכ'ן פעסטשטעלן די נושא האט הקב"ה געגעבן די אנדערע דברות. די מפרשים זענען מפרש (מכילתא יתרו מסכתא דבחודש פרשה ו) אז מיט דעם האט הקב"ה געזאגט פאר'ן כלל ישראל: "כשם שקיבלתם מלכותי - קבלו גזרותי".

דער מהר"ל זאגט אז די כוונה באהאלט זיך דא אין דער ספוק. דער פסוק זאגט אונז אז נאך די הכרזה פון "הוא ה' אלקינו" זענען מיר געווארן מחוייב מיט - "בכל הארץ משפטיו" - צו היטן זיינע מצות.

דערביי לייגט דער מהר"ל צו אז אויב מקבל זיין אלקותו יתברך איז מחייב אז מיר זאלן מקבל זיין זיינע משפטים, קומט אויס אז עס גייט אויך אויף פארקערט, אז מקבל זיין זיינע משפטים ווייזט אז מיר גלייבן אלקותו יתברך און אז מיר טוען די פארקערטע איז א סימן אז מיר ווילן נישט מקבל זיין אלקותו יתברך און ווען דעם איז גיין אין די גוי'אישע געריכטן אזוי הארב, אז עס ווייזט אז מיר ווילן נישט מקבל זיין אלקותו יתברך און ווי חז"ל זאגן (תנחומא משפטים ג): "כל מי שמניח דייני ישראל והולך לפני עכו"ם כפר בקדוש ברוך הוא תחילה ואחרי כן כפר בתורה" ('גבורות ה' פרק טו).

# ברכות השחר כהלכה

## אין די מקורות ווערט געברענגט דריי טעמים

## פארוואס מען פירט זיך צוזאגן ברכת השחר מיט נאך אנדערע מענטשן.



**א.** אז מען זאל קענען אנקומען יעדן טאג צו ניינציג אמן'ס, די צאל וואס חכמים האבן קובע געווען אז מען זאל מאכן טעגליך ('מגן אברהם' ו ט; 'משנה ברורה' שם יג)



**ב.** וויל א ברכה מיט אן אמן איז א חשובע ברכה און אז די ברכה זאל זיין 'חשובער' איז גוט אז מען זאל מאכן די ברכה ווען איינער איז נעבן דיר און ענטפערט אמן אויף די ברכה. ('יסוד ושורש העבודה' שער האשמורות פרק י).



**ג.** אז יעדער איינער פון די וואס מאכן די ברכה זאלן יוצא זיין די חובת עניית אמן פון די וואס ענטפערן אויף די ברכה, וויל דער אמן איז א חלק פון די ברכה און צוזאמען ווערט עס א ברכה(שו"ת 'תשובות והנהגות' ח"א סי' ז וח"ב סי' ע).






## שערי ישועה
### די סגולה פון ענטפערן אמן

די דאזיגע ערציילונג דערציילט דער גאון רבי יצחק דוד גראסמאן שליט"א, דער רב פון מגדל העמק און דער הויפט פון די מוסדות מגדל אור:

איינס פון די חשובע אידן אין די אמאליגע ירושלים איז געווען ר' מרדכי שמעון טעפעבערג, דער אייגענטומער פון די בארימטע 'טעפערבערג' ווײנען אין ירושלים עיה"ק.

אן ערליכער איד איז ער געווען. זיין גאנצער לעבן און שטרעבן איז געווען געווידמעט אויף איין זאך, צו דינען הקב"ה און זען ווי ער קען מאכן נאך א נחת רוח פאר הקב"ה.

א קביעות'דיגער מנהג האט זיך ר' מרדכי שמעון געמאכט. טאג טעגליך נאכ'ן אויפשטיין און זיך אפגיסן נעגל וואסער און זיך אנטון איז ער ארויס אין זיינע פעלדער און צווישן די בוימער, פלעגט ער מיט א רואיגקייט, מאכן די ברכת השחר, לויבנדיג הקב"ה אויף די נייער טאג.

נאר נאך דעם וואס ער האט געענדיגט מאכן די ברכות איז ער אריבער אין די שטאטישע שול און זיך געשטעלט דאווענען אין די מאה שערים שטיבלעך.

קעגנאיבער די פעלדער פון ר' מרדכי שמעון האט געוואוינט די גוטפארב פאמיליע. די באבע גוטפארב, די באבע פון הרב גראסמאן שליט"א, איז אויך געווען גאר א חשובע פרוי, אן אשה צדיקת וחשובה.

אויך זי האט געווידמעט אלע אירע לעבנסטעג פאר'ן בורא כל העולמים, כסדר האט זי עוסק געווען מיט אלע מעשי הצדקה, אבער אויסער די צדקה פלעגט זי אויך צוזאמענעמען אמן'ס.

ווען זי האט נאר געהאט א געלעגנהייט צו הערן אן אמן און קענען ענטפערן פלעגט זי זיך צושארן און ענטפערן אמן איינקויפנדיג נאך א זכות פאר יענער וועלט. וויסנדיג אז טאג טעגליך וועט ר' מרדכי שמעון מאכן זיינע ברכות פלעגט זי זיך אוועקשטעלן אין פעלד און אויסהערן ווי ער מאכט די ברכות און ענטפערן אויף איר אמן.

פון דארט פלעגט זי ממשיך זיין צוגיין די מאה שערים שטיבלעך און איז אריין אין די ווייבער שול און פון דארט געענטפערט די אמן'ס.

אויך יענער אינדערפרי איז זי אויפגעשטאנען און זיך געגרייט אויף איר טעגליכן סדר. זי האט אנגעהויבן שפאנען איו ריכטונג פון די פעלד צו הערן די אמנ'ס, אבער גייענדיג אזוי האט זי געשפירט ווי עפעס געפעלט איר נישט,

## — א קול פון וויינגארטן —

אן אינערליכער געפיל האט זי געזאגט אז עפעס אומגעוועגליך קומט פאר אין פעלד, עס איז געווען שטילער ווי אייביג, זי האט עס אליין נישט געקענט ערקלערן, אבער עפעס אין איר איז געווען אנדערש.

ווען זי איז געקומען נענטער צו די ארט וואו זיי באגעגענען זיך טאג טעגליך האט זי מיטאמאל אנגעהויבן פארשטיין וואס דא גייט פאר. פונדערווייטענס, אן וואס מען זאל איר באמערקן, האט זי געזען ווי ר' מרדכי שמעון ליגט אויף די ערד, העכער אים שטייט א בייזווייליגער אראבער מיט א האק אין זיין האנט און דראאעט אים מיט די ערגסטע.

אין די ערשטע רגע האט זי באשלאסן אז זי גייט מאכן פליטה, אבער א רגע דערויף האט זי באשלאסן אז ניין, זי מוז עפעס טון.

שטילערהייט, אן וואס מען זאל הערן אירע פוסטריט האט זי זיך דערנענטערט צום ארט וואו זיי האבן זיך געראנגעלט. זייענדיג גענוג נאנט האט זי געזוכט עפעס וואס זי קען ארויפווארפן אויף אים. נישט טרעפנדיג עפעס האט זי אויסגעטון אירע האלצערנע שיך און עס געגעבן א ווארף ארויף אויף דעם אראבער.

דער שאק וואס דער אראבער האט געכאפט און דער שטארקער זעץ האט געווירקט, דער אראבער איז אראפגעפאלן אויף די ערד א דערשראקענע.

די רגע פון שאק האט זי אויסגענוצט און א געשריי געגעבן פאר ר' מדרכי שמעון.

"אנטלויף".

זעענדיג אז ער איז ניצול געווארן האט ער זיך אויף געהויבן פון זיין ארט און איז אריבערגעלאפן אין שול, צו די שטיבלעך, צו דאנקען הקב"ה אויף די גרויסע נס, אז ער איז ניצול געווארן פון א זיכערער טויט.

אויך די חשובע רעביצין האט פון דארט פארגעזעצט אין איר וועג, צו איר קביעות'דיגער ארט אין די ווייבער שול, וואו זי האט געקענט אויסהערן פון אויבן ווי ר' מרדכי שמעון מאכט די ברכת הגומל און דאנקט הקב"ה אז ער איז ניצול געווארן פון די גרויסע צרה.

אויך דא האט זי זוכה געווען אז אין זכות פון די הייליגע מצוה פון ענטפערן אמן האט זי געקענט ראטעווען א איד, ווייל דער הייליגער מצוה פון ענטפערן אמן איז מציל אידן פון אלע שוועריגקייטן.

## שערי גן עדן
### אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא



איבערבלייבענישן פון די אידישע בית החיים אין די שטאט פראנקפורט

## דער בעל 'קב הישר'
### ט"ו אדר תע"ב

דער צדיק רבי צבי הירש קודינאווער איז געבוירן געווארן אין די יאר ת"י אין די שטאט ווילנע צו זיין חשובער טאטע הגאון הנודע רבי אהרן שמואל בעל 'ברכת הזבח'.

אין זיינע בחורישע יארן האט ער קונה געווען די תורה פון זיין גרויסן טאטן און אויך פון זיין גרויסער רבי דער צדיק רבי יוסף פון דובנא דער בעל יסוד יוסף.

צוליב די שווערע פראגראמען פון די קאזאקן האט זיין טאטע אויסגעוואנדערט פון די שטאט ווילנע. נאר יארן שפעטער האט ער זיך צוריקגעקערט קיין ווילנע און אנגעהויבן עוסק זיין אין מסחר. ער האט שיין מצליח געווען אין מסחר אבער א שטיק צייט שפעטער האט מען אים ארעסטירט.

ווען ער איז באפרייט געווארן פון ארעסט האט ער פארלאזט די שטאט ווילנא און זיך באזעצט אין די שטאט פראנקפורט, דארט האט מען אים באשטימט אלץ רב פון די שטאט.

אין פראנקפורט האט ער פארפאסט זיין בארימטער ספר 'קב הישר'.

די ספר האט זוכה געווען צו זיין איינס פון די יסודות'דיגער מוסר ספרים ביים כלל ישראל און מען לערנט עס איבעראל. אין די הקדמה פון דעם ספר געט דער מיבר צו פארשטיין פארוואס ער האט א נאמען געגעבן דעם ספר מיט דעם נאמען. ער ווייזט אן אז "הישר" איז די אותיות 'הירש' און "קב" איז ווייל דער ספר פארמאגט אין זיך ק"ב פרקים און אויך אז ק"ב איז די זעלבע גימטריא ווי "צבי".

אין דער ספר זעט מען זיין גרויסקייט סיי אין נגלה און סיי אין נסתר. בשם דער הייליגער קאזשניצער מגיד זאגט מען נאך אז דער ספר הישר איז מעורר די נשמה פון א מענטש, נאך מער ווי לערנען זוהר הק' ('מאיר עיני חכמים' פרשת אמור).

דער קב הישר איז נפטר געווארן אין יאר תע"ב, אין די שטאט פראנקפורט און ער ליגט אין די דארטיגע בית החיים, זיין יארצייט איז ט"ו אדר ב'

## דורך אמן איז מען ממשיך א גרויסע שפע

זייער שטארקע ווערטער שרייבט דער 'קב הישר' (פרק צט) איבער אמן:

"ווער עס ענטפערט אמן מיט כוונה און יאגט זיך צוגיין אין שול צו קענען ענטפערן אמן איז זוכה צו 'ש"ע נהורין' [א השפעה פון א הויכער ארט, לויט די ספרי קבלה (זעה 'עץ חיים' שער יג פי"ד)] ווער עס איז חלילה מזלזל אין ענטפערן אמן לאדענט איין אויף זיך די פארקערטע, ער שלעפט אראפ אויף די זיך ש"ע קליפות רחמנא ליצלן און מען פירט אים אריין אין די חדרים פון חושך וצלמות און אויף זיי האט שוין געזאגט דער נביא (ישעיה נ ט): 'עש יאכלם'".

## א ספעציעלע כוונה ביי עניית אמן

דער 'קב הישר' (פרק צו) איז מגלה אז עס איז דא א ספעציעלע כוונה וואס מען זאל אינזינען האבן ווען מען ענטפערט אמן און דאס זענען זיינע ווערטער:

"ביי יעדע מצווה און מצווה וואס א מענטש טוט, ווערט פון דעם געבוירן א מלאך. אלע מלאכים וואס ווערן געבוירן פון די מצווה גיין אריין אין איין גרופע און ווערן אנגערופן די מחנה פון די מצוה. דאס איז פשוט אז ביי יעדע מצווה וואס מען מאכט א ברכה אויף איר קומען צוגיין די זעלבע מלאכים און שטיין ארום דער וואס מאכט די ברכה און הערן אויס די ברכה און ענטפערן אמן. א רמז צו דעם איז אז דערווארט 'מלאך' איז בגימטריא ווי 'אמן' און ווייל עס איז מרמז אויף דעם איז גוט אז ווען מען ענטפערט אמן אויף א ברכה אדער ביי קידוש און מען זאגט אמן, זאל מען אינזינען האבן אז אויך די מלאכים זאלן מיטענטפערן אמן, ווייל אמן איז ביגמטריא מלאך.